אײַזיק-מאיר דיק

# די דרײַ זאַכן

דרײַ זאַכן דאַרף מען אַלײן אין שטוב ניט לאָזן: 1) אַ קאַץ, װוּ עס געפֿינט זיך אַ קאַנאַרײקע; 2) אײן סאָלדאַט, װוּ עס געפֿינט זיך בראָנפֿן; 3) אײן פּרוש, װוּ עס געפֿינט זיך אײן אַם.

דרײַ באַרימען זיך מיט זײער בריהשאַפֿט: 1) אַ בעל-עגלה, װען ער האָט מיט שלעכטע פֿערד אָנגעצױגן אױף שבת; 2) אַן אָנזעצער, װען ער האָט אַרױסגעקריגן זײַנע װעקסלען; 3) אַ קלױזניק, װען ער טרעפֿט אַ תּוספֿות קשיא.

דרײַ זײַנען תּמיד אין גאווה: 1) אַ אױפֿגעקומענער נגיד; 2) אַ קלױזניק, װאָס האָט אַן איבעריקן טאָג; 3) אַ פּראָסטאַק, װאָס מײנט ער קען אַלץ.

דרײַ זײַנען די גרעסטע נאַרן: 1) דער װאָס מײנט [אַז] אָן בילדונג קען מען אױך קלוג זײַן; 2) דער װאָס מײנט, דאָס אַ גוטע װײַב איז דאָ אױף דער װעלט; 3) דער װאָס מײנט, דאָס גאָט געפֿעלט שאָקלען זיך אונד קרימען זיך אין דאַװנען.

דרײַ אָרנטלעכע פּרנסות זײַנען דאָ: 1) נעמען געלט דערפֿאַר, װאָס ער איז אַ ירא-שמים; 2) נעמען געלט דערפֿאַר, װאָס ער האָט ניט קאַליע געמאַכט אַ שידוך; 3) נעמען געלט דערפֿאַר, װאָס ער גײט ניט אױף אַ טאָרג.

דרײַ פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַ צדיק: 1) װער עס האָט אַ דערװאַקסענע טאָכטער אױסצוגעבן; 2) װער עס קלײַבט זיך צו אָנצוזעצן; 3) װער עס האַנדלט מיט פֿאַרבאָטענע זאַכן. [ז' 158]

דרײַ מוזן טאָן קעגן זײער אײגענעם װילן: 1) אַ זײַדענער יונגערמאַן נאָך דער חתונה מוז זיצן אונד לערנען; 2) אַ משפּיל װאָס ייִדן פֿאַריאָגן אים מוז זיך טױפֿן; 3) אַ שװינדלער מוז רײַך לעבן, כּדי מען זאָל אים געלט לײַען.

דרײַ פֿאָרן אין ארץ-ישׂראל: 1) װער עס װיל זײַן אַ הײליקער לײדיקגײער אונד לעבן פֿון כּולל-געלט; 2) װער עס זעט, דאָס אין זײַן אָרט קען מען שױן זײַנע פֿאַלשקײטן; 3) װער עס װײס ניט, דאָס אין הײגע װאַכנע ערד עסן אױך קײן װערים.

דרײַ לײפֿן אָן אַ נשמה: 1) װער עס האָט אַ לװיה פֿאַרשפּעטיקט; 2) ערבֿ יום-כּיפּור אין מיקװה; 3) אַ אָנזעצער בײַ נאַכט, װען ער פֿאָרט אָפּ.

דרײַ שרײַען װי אין אַ מאַנהױז: 1) אַ פּראָסטאַק אין דאַװנען; 2) אַ אױפֿגעקומענער נגיד בײַ אַ אסיפֿה; 3) אַ מגיד, װען ער איז מספּיד אַ גבֿיר.

דרײַ דערצײלן ליגן פֿון זײערע רײַזע: 1) אַ ארץ-ישׂראל-ייִד; 2) אַ בעל-גאװה, װי שײן מען האָט אים אין דער פֿרעמד אױפֿגענומען; 3) אַ בעל-דרשער, װי ענג עס איז געװעזן אין אַלע שולן װוּ ער האָט געדרשעט. [זז' 181-2]

דרײַ װערן פֿאַרשעמט: 1) װער עס פֿאַרגעסט זיך ימים-נוראים צוצומאַכן דעם אָרון-קודש צו „שהם משתחוים"; 2) װעמען אױף אַ חתונה פֿאַרגעסט מען אַ חלק צו געבן; 3) אַ נגידישער יונגערמאַן, װען מען איז אים מכבד מיט גלילה.

דרײַ מענטשן פֿאַרדריסט זײער אױפֿפֿירונג: 1) דעם סוחר פֿאַרדריסט, װאָס ער קען ניט אָנזעצן; 2) אײן אשה פֿאַרדריסט, װאָס זי מוז אַ צנועה זײַן; 3) דעם רבֿ פֿאַרדריסט, װאָס ער מוז זיך תּמיד קרימען.

דרײַ װײנען אױף צו פֿלײסן: 1) אײן אָנזעצער, װעלכער האָט באַהאַלטענע געלט; 2) אַ נײַער אײדעם לעבן שװער צו ונתנה תּוקף; 3) בײַ װעמען די װײַב שטאַרבט.

דרײַ טיטלען זינד בײַ ייִדן: 1) אַ װילדער למדן; 2) אַ ביטערער יונג; 3) אַ קאָכלעפֿל אין שטאָט.

דרײַ זאַכן האָט אַ פּראָסטאַק ליב: 1) אַחרון מיט חזק; 2) עיו"כ [ערבֿ יום-כּפּור] שטאַרקע מלקות; 3) צו שטאַרבן אין חודש ניסן.

דרײַ זאַכן בעט אַ ייִד מיט העזה: 1) אַ שמעק טאַבאַק; 2) אַ שטיקל זײף אין באָד; 3) דעם גרינעם לולבֿ צו אהרוג בענטשן.

דרײַ שאלות קען מען ניט פֿאַרענטפֿערן: 1) יו"כּ זײַנען דאָך אַלע ייִדן פֿרום, װאָרום קומט ניט משיח; 2) װאָרום געפֿינט מען ניט די עשׂרת-השבֿטים; 3) װאָס טראַכטן זיך די בערלינער.

דרײַ װערן מיט שװײס אָפּגעגאָסן: 1) אַ אַ עם-הארץ, װען ער זיצט צװישן לומדים; 2) אַ צבֿויאַק, װען מען כאַפּט אים בײַ אַ עבֿירה; 3) אַ ניעגראַמאָטנער גבֿיר, װען מען הײסט אים זיך אונטערשרײַבן.

צו דרײַ זאַכן העלפֿט בראָנפֿן: 1) װערים אָפּטרײַבן ; 2) צרות פֿאַרגעסן; 3) װערן אַ צלען אין דומע.

דרײַ רײַסן פֿון זיך די הוזים: 1) װער עס האָט פֿאַרגעסן אַ ערובֿ-תבֿשילין צו מאַכן ; 2) װער עס האָט פֿאַרגעסן בײַם פּריץ אַ גרעסערן מקח צו בעטן; 3) אַ קרעציקער קלויזניק.

דרײַ האָבן חרטה: 1) אַ צדיק אויף זײַנע עבֿירות; 2) דער װאָס פֿאַרלאָזט זײַן פֿאָטערלאַנד; 3) אַ יונגערמאַן אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה, װאָס ער האָט אַ װײַב גענומען.

דרײַ פֿאַרדריסט, װען זײ געפֿינען ניט: 1) װען איינער זוכט אליהו-הנבֿיאן דיעסיאַטעכע אויפֿן מאַרק; 2) װען אַ בעל-דבֿר זוכט זײַנע טענות אין חושן-משפּט; 3) װען איינער האָט חתונה מיט אַ אונערלעכע [אומערלעכע].

דרײַ זאַכן טאָר מען ניט אָפּלייגן װײַל עס װעט ערגער זײַן: 1) װיל אַ שלעכטער בעל-חובֿ מושװה װערן; 2) װיל אַ װײַב גט נעמען; 3) מאָנט פּאָליציי אַ נאַלאַג.

דרײַ צײַטן האָט אַן אָרעמאַן קיין צער פֿון זײַן אָרעמקייט: 1) אין אַ תּענית; 2) װען גזלנים פֿאַלן אויף אים אָן; 3) װען עס איז איין שׂרפֿה.

דרײַ שדים העלפֿט [ניט] קיין מזוזה: 1) צו אַ װײַב אַ מרשעת; 2) צו אַ בעל-דרשער מיט אַ כּתבֿ; 3) צו אַ שלעכטן מלװה מיט אַ װעקסל.

דרײַ זײַנען פֿרײַנדלעכע שׂונאים: 1) די װאָס האַנדלען מיט איין סחורה; 2) איין ברודער מיט דעם אַנדערן; 3) די פּלי-קודש.

דרײַ זאַכן דאַרף מען אַ ייִדן ניט גלויבן: 1) װען ער באַשטימט אַ טערמין; 2) װען ער זאָגט, דאָס ער פֿילט ניט דעם תּענית פֿון שבֿעה-עשׂר בתּמוז; 3) װען ער זאָגט, דאָס אין זײַן משפּחה איז ניטאָ קיין משומד.

דרײַ זאַכן מוט אַ ייִד בלינדערהייט: 1) אַ שידוך מיט זײַנע קינדער; 2) װען ער פֿאַרלירט געלט אויף גרויסע פּראָצענטן; 3) װען ער קויפֿט זיך אַ אָרט אויף דעם בית-עולם פֿאַרן לעבן. [ז' 286]

דרײַ זוכן איין עצה אונד װײסן ניט װו דער פֿעלער ליגט: 1) איין רבֿ דען [פֿון דעם] בעל-עבֿירה; 2) איין דאָקטער; 3) איין ח... [חסיד]

דרײַ פֿאַרשילטן זיך דעם לעבן: 1) איין אַלטער מאַן, װעלכער האָט די

שפּאַקולן פֿאַרלאָרן; 2) אײן באַנקקװעטשער, װעלכער דאַרף װײַב און קינדער מפֿרנס זײַן; 3) אַ אָרנטלעכער מענטש װען ער דאַרף קנעלן.

דרײַ צינדן זיך געשװינד אָן: 1) אַ בעל-גאװה װען מען זאָגט אַ אמת; 2) װען אַ פּראָסטאַק קױפֿט זיך שלישי (צינדט זיך דער גבאי אָן); 3) אַ טרוקענע שװעבעלע.

דרײַ שפּילן מיט גאָט אין זשמורקעס: 1) אײן ... [חסידישער רבי] אין התבודדות-שטיבל; 2) דער װאָס ריכט חצות אָפּ בײַ נאַכט; 3) דער װאָס זאָגט אױף אַ קבֿר דעם מענה-לשון.

דרײַ האָט מען ניט װאָס מקנא צו זײַן: 1) אײן אַלטער מאַן, װעלכער נעמט אַ יונגע װײַב; 2) דער װאָס האַנדלט מיט פֿרעמדע געלט; 3) אַ זון װעלכער װיל אַ רעכטער מענטש װערן בײַ אַ פֿאָטער אַ צבֿויאַק.

דרײַ שטײען לאַנג שמונה-עשׂרה: 1) דער װאָס האָט קײן אַנדערע מעלה מיט װעלכע זיך צו װײַזן; 2) דער שװינדלער װעלכער טראַכט װעגן זײַנע געשעפֿטן; 3) דער װאָס פֿאַרגעסט דאָס ער שטײט שמונה-עשׂרה.

דרײַ װילן די צײַט זאָל לױפֿן אונד דאָך פֿיל לעבן; 1) אײן אָרעטירטער; 2) אײן לײדיקגײער; 3) דער װאָס װאַרט אױף אַ ירושה.

דרײַ זײַנען אָרעם בײַ רײַכקײט: 1) דער װאָס האָט פֿיל קינדער; 2) דער װאָס צאָלט גרױסע פּראָצענטן; 3) דער װאָס פֿירט ניט ריכטיק זײַנע חשבונות.

דרײַ װילן זײַן אַ חשובֿ בײַ דער װעלט: 1) אײן אָרעמער יחסן (ג.ר.ם.); 2) אײן אױפֿגעקומענער פּראָסטאַק אין אַ קלײן שטעטל; (ב.ס.) 3) אײן כאַדאַטײַ.

דרײַ האָבן [ניט] קײן נאָמען: 1) אַ פּרוש; 2) אַ פּאָדראַטשיק; 3) אײן עבֿירה-כאַפּער.

דרײַ לאָזן ניט צו בעסערער אָרדענונג: 1) דער מלמד; 2) דער שדכן; 3) דער כאַדאַטײַ.

דרײַ גײען נאָך איצט אין ייִדישע קלײדער: 1) דער װאָס נעמט שׂכירות בײַ קהל; 2) אײן אַלטע קלײנשטעטלדיקע ייִדענע; 3) דער װאָס פֿאַרשטעלט זיך פּורים פֿאַר מרדכין.

דרײַ גײען לײדיק אַרום: 1) אַ קעסטקינד; 2) אײן שדכן; 3) אײן

סאָלדאַט אויף דער װאַך.

דרײַ הײלן אָן אַ דיפלאָם: 1) איין רבֿ; 2) איין טאָטער; 3) איין בעל-שם.
[זז' 396-398]